# א גריס פון
# בית פיגא

פרשת מקץ

ד׳ טבת תשפ״א

יאר 1 גליון 5

## נייעס פון בית פיגא

~ די וואך דינסטאג איז פארגעקומען די לאנג ערווארטעטע חנוכה מסיבה! מען האט שיין פארברענגט און זיך געפרייט לכבוד חנוכה. די G.O. מיידלעך האבן פארגעשטעלט א שיינע שפיל, און מען האט צוזאמען געזינגען. מען האט געשפילט א שיינע חנוכה געים, עס איז געווען א הערליכע בילד צו זען אלע קלאסן פון די קלענסטע ביז די עלסטע האבן צוזאמען געשפילט. נאכדעם האבן אלע מיידלעך באקומען א דאונאט און עס שיין באצירט לכבוד חנוכה. שפעטער האבן צווייטע און פערטע קלאס אהערגעשטעלט א הערליכע טאנץ! גלייך נאכדעם האט די גאנצע סקול צוזאמען אויפגעזיכט א קריגל אויל, מען האט עס געזוכט און געזוכט ביז מען האט עס געפינען גוט באהאלטן. נאכן אויפרוימען האט מען געטאנצן און זיך געפרייט אז מען איז א איד! ש׳כח אייבערשטער פאר בית פיגא סקול!

~די וואך זענען די מיידלעך פון די עלסטע קלאס און פערטע קלאס געווען ביי די באזאר. מען האט געזען אלע שיעורים וואס די ראש ישיבה, מרת לעסער און אלע געטרייע טיטשערס לייגן אריין אין די מיידלעך, קיינער האט זיך נישט געשעמט צו נעמען געניצטע קליידער נאר פונקט פארקערט, עס איז אן ארויפגעקוקטע זאך צו גיין אנגעטון די ביליגסטע מעגליך.

## אבריוו פון די ראש ישיבה

בעזרת ה׳ יתברך

יום ד׳ פרשת מקץ, ראש חודש טבת, ו׳ דחנוכה, שנת תשפ״א לפרט קטן

**לכבוד די טייערע תלמידות בית פיגא שתחיו**

געבט אכטונג צו זיין אנגעטון ריין; דער רבי האט זייער מקפיד געווען מען זאל גיין אנגעטון ריין.

איר ווייסט די מעשה, אמאל זענען מיידלעך געגאנגען צאמנעמען צדקה ביי די הייזער, די וועג איז געווען פול מיט בלאטע און אלע זענען פארשמירט געווארן פון די בלאטע, נאר אדל דעם רבינ׳ס טאכטער איז געבליבן ריין, אלע האבן זיך געוואונדערט ׳ווי קען זיין אז זי איז געבליבן ריין?׳ האט אדל זיי געזאגט: ״מיין טאטע - דער רבי - האט מיר אויסגעלערנט א וועג, אז אפילו מען גייט אין בלאטע זאל מען זיך נישט פארשמירן״.

א מיידל וואס גייט אנגעטון איידל, ריין און שיין - איז דאס אליינס הפצה, אלע פרעגן: ווער איז די מיידל? וואו לערנט זי? זי איז ברסלב? ברסלב האט נארמאלע מיידלעך?

א פרייליכן שבת.

## די פרשה לערנט מיר

מיר זעען אין די פרשה יוסף זאגט פאר פרעה מען זאל נעמען א קלוגע מענטש צו צאמנעמען און אוועקלייגן עסן פאר די הונגער יארן האט פרעה געזאגט: ״אויב יוסף זאגט אז מען דארף נעמען א קלוגע מענטש, איז ער די קלוגע מענטש״

מיר הערן די דרשות פונעם ראש ישיבה שליט״א, וואס זענען אונז מחזק מיר זאלן זיין נאר וואויל און ערליך; דארפן מיר זיך אנכאפן אין דעם, ווייטער הערן די דרשות און פאלגן וואס מיר הערן, ליינען די בריוו און טון אלעס וואס דארט שטייט, וועלן מיר זיין אמת׳ע ערליכע מיידלעך.

**מיר זענען אזוי גליקליך אז מיר ווייסן פון די עצות פון די הייליגע רבי וואס לערנט אונז צו רעדן צו די אייבערשטער און געדענקען אז אלעס וואס געשעט איז נאר די אייבערשטער, און וואויל איז דער וואס הערט אויס די שיעורים פון די ראש ישיבה און פאלגט אלעס וועט האבן א שיינע זיסע לעבן.**

### ווער האט די לעבן?!

הערט א שיעור פון מרת אייזנער

212-444-9169

2,4,3,70

### א גוט שבת!

זמן שבת: 4:15

זמן מוצש״ק: 5:41



# מעשיות פון תפילה

**עטי בלום:**

מיין שוועסטער האט זיך צוקלאפט איר פינגער, איך האב געבעטן די אייבערשטער אז ס'זאל זיך שנעל אויסהיילן און ש'כח אייבערשטער ס'האט זיך שוין אויסגעהיילט!



**צווייטע קלאס**

**חמי זעלקאוויטש:**

אונז האבן געקאלערט א שיינע פיקטשער פון חנוכה. און מיין טיטשער האט געזאגט אז ווער ס'וועט זיין זייער וואויל וועט קענען באקומען די פעיפער וואס די טיטשער האט געקאלערט. איך האב זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל עס באקומען, און ש'כח אייבערשטער אז איך האב עס באקומען!




**ערשטע קלאס**

**מלכי בירנבוים:**

אונז האבן געשפילט דריידל, און איך האב געבעטן די אייבערשטער אז מיין דריידל זאל פאלן אויף די גימל, און ש'כח אייבערשטער עס איז געפאלן אויף די גימל!



**פערדע קלאס**

**דבורי אינדיג:**

ביי די חנוכה חגיגה האט מען באהאלטן א קריגל אויל און יעדער האט עס געדארפט אויפזוכן, איך האב זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל עס טרעפן און ש'כח אייבערשטער אז איך האב עס געטראפן!



**עלטסטע קלאס**

# מעשה פון א צדיק

דער הייליגע רבי דערציילט א מעשה, אז ס'איז אמאל געווען א קעניג, ער האט געוואלט זען וואס עס טוט זיך אפ ביי מענטשן אינדערהיים. האט ער געטראכט א גוטע עצה, ער וועט זיך פארשטעלן און אזוי וועט קיינער נישט וויסן ווער ער איז. דער קעניג האט זיך פארשטעלט, און אזוי איז ער געגאנגען צו הייזער זיך אונטערהערן וואס עס טוט זיך דארט. ביי יעדע טיר האט ער געהערט קרעכצן און וויינען, דא וויינט איינער ווייל איר ברודער האט איר עפעס צוגעכאפט, און דא ווייל א אנדערע קינד האט באקומען מער פון וואס מ'האט געטיילט. איבעראל האט מען נאר געוויינט און זיך אפגערעדט.

ביז ער האט געטראפן איין קליינע ארימע הייזקעלע, און ער האט געהערט ווי א איד שפילט אויף א פידל און די ניגון האט אלע טעמים, ער קוקט אריין און זעט ס'איז גארנישט דא דארט עס איז אן ארימע שטוב. ער קלאפט אריין פארשטעלטערהייט, און פרעגט "איך קען אפשר אריינקומען?" דער איד האט אים אויפגענומען און זייער מכבד געווען די פארשטעלטע קעניג. האט דער קעניג אנגעפאנגען שמועסן מיט אים און ער האט אים געפרעגט מיט וואס ער ארבעט, פון וואו ער האט געלט. ענטפערט ער "איך פארעכט צובראכענע זאכן, איך גיי ארום, איך קלאפ אריין אין הייזער און איך זע ווער עס האט עפעס וואס מען דארף פארעכטן." און דער קעניג איז אהיים געגאנגען.

דער קעניג איז געווען זייער נייגעריג צו זען אויב דער איד איז טאקע פרייליך אדער נאר ווען עס גייט אים גוט איז ער פרייליך, האט דער קעניג ארויסגעגעבן א נייע געזעץ, אז מען קען נישט מער פארעכטן קיין כלים! אויב עס צוברעכט זיך עפעס, קען מען פרובירן עס אליינס צו פארעכטן, אויב נישט דארף מען עס ארויסווארפן. די נעקסטע צופרי האט דער איד זיך ארויסגעלאזט אין וועג, ער האט נאכנישט געוויסט פון די נייע געזעץ, ער פאנגט אן קלאפן אויף די ערשטע טיר, און ער פרעגט: "אפשר האט זיך עפעס דא צובראכן וואס איך קען פארעכטן?" האט מען אים דערציילט פון די נייע גזירה וואס דער קעניג האט ארויסגעגעבן אז מען טאר מער נישט פארעכטן קיין צובראכענע זאכן.

אבער דער איד האט זיך נישט פארלוירן. ער גייט ארויס אויפן גאס און ער זעט ווי איינער שטייט און האקט האלץ, פרעגט ער אים "אפשר קען איך האקן האלץ אנשטאט דיך און דו וועסט מיך באצאלן?" האט יענער געזאגט אדרבה, אזוי האט ער געהאקט האלץ א גאנצן טאג און סוף טאג האט ער באקומען באצאלט. ער איז געגאנגען איינקויפן עסן און געגעסן זיין סעודה, נאכן עסן נעמט ער ארויס זיין פידל און הייבט אן צו שפילן. פלוצלינג הערט ער א קלאפ אויף די טיר, דער זעלבע מענטש וואס איז דארט געווען נעכטן איז נאכאמאל דא, ער האט נישט געוואוסט אז ס'איז די קעניג. און דער קעניג זעט ער עסט א סעודה פרעגט ער אים, "פון ווי האסטו היינט געהאט געלט צו קויפן די אלע זאכן? עס איז דא א נייע גזירה מען טאר מער נישט פארעכטן זאכן," האט ער פארציילט פארן קעניג אז היינט האט ער געהאקט האלץ.

***פארזעצונג קומט אי"ה***